**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/15/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט אז בוי ארבעט האט זיך אנגעהויבן אויף א 270 מיליאן דאלאר 385-יוניט עפארדעבל און סופארטיוו האוזינג דעוועלאפמענט אין ברוקלין

***ערשטע פראיעקט פון א פיל-פאזע איניוואטיווע אורבען ווילעדש פראגראם צו איבערבויען די Christian Cultural Center'ס קאמפוס***

***איבערבויאונג נעמט אריין קאמערציאלע פלאץ פאר א גראסעריי געשעפט וואס פארקויפט פרישע פרוכט און גרינצייג***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז מען האט אנגעפאנגען די בוי ארבעט ביי איניוואטיווע אורבען ווילעדש (Innovative Urban Village) פאזע A1, א 385-יוניט עפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענט מיט קאמערציאלע פלאץ פאר א פרישע עסנווארג גראסערי געשעפט אין די איסט ניו יארק געגנט פון ברוקלין. די 270 מיליאן דאלאר פראיעקט איז טייל פון די ברייטע איבער-דעוועלאפמענט פון די Christian Cultural Center'ס קאמפוס. בילדער פונעם מעמד און מאלערייען פונעם פראיעקט זענען עוועילעבעל [דא](). אונטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal, HCR) פינאנצירט איבער 7,700 עפארדעבל היימען אין ברוקלין. איניוואטיוו אורבען ווילעדש גייט ווייטער מיט די באמיאונג און געבעט צו צו גאווארנער Hochul's (האקול) 25 ביליאן דאלאר פינף-יאר האוזינג פלאן, וואס האלט אויף א וועג צו שאפן אדער אנהאלטן צו 100,000 עפארדעבל היימען לענגאויס דעם סטעיט.

"ניו יארק סטעיט בלייבט ווייטער פארפליכטעט צו האלטן אונזער סטעיט עפארדעבל און פארזיכערן אז יעדער איינער האט א פארזיכערטע און מאדערנע היים פאר זיך," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פראיעקט העלפט אונז באקעמפן די האוזינג עפארדעביליטי קריזיס בשעת'ן אויך פריאריטיזירן פארבעסערונגען וואס וועלן מאכן די געגנט מער וואוינבאר פאר פאמיליעס. איניוואטיוו אורבען ווילעדש וואלט נישט געווען מעגליך אן די קאאפעראציע פון אלע אונזערע מיטארבעטער, אריינגערעכנט מעיאר Adams (עדעמס) און די Christian Cultural Center, וועלכע זענען איבערגעגעבן צו מאכן ניו יארק פאר א מער עפארדעבל פלאץ וואו צו וואוינען. מיר קוקן ארויס צו די פעארענדיגונג פונעם פראיעקט און צו באגריסן די איינוואוינער צו זייער נייע היים."

**ניו יארק סיטי מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס) האט געזאגט,** "די בעסטע וועג וויאזוי זיך צו ספראווען מיט אונזער סיטי'ס האוזינג קריזיס איז צו בויען מער עפארדעבל האוזינג, און דאס איז גענוי וואס אונזער אדמיניסטראציע טוט. 'איניוואטיוו אורבען ווילעדש' וועט ברענגען מער היימען, מער דשאבס, און מער שמחה קיין ברוקלין, בשעת'ן געבן צוטריט צו א ליכטיגערער צוקונפט אין די בליענדע קאמיוניטי פאר מער ניו יארקער. פון שאפן רעקארד ציפערן פון עפארדעבל האוזינג יאר נאך יאר, ביז'ן אדורכפירן היסטארישע זאונינג רעפארמען וואס וועלן בויען נייע היימען לענגאויס אונזער גאנצע סיטי, זענען מיר שטאלץ צו זיין די מערסט פראו-האוזינג אדמיסטראציע אין אונזער סיטי'ס היסטאריע. א דאנק

צו גאווערנאר Hochul (האקול) און Reverend Bernard (רעווערענד בערנארד) פאר זייערע געמיינזאמע וויזיע און צוזאמענארבעט צו ברענגען דעם גוואלדיגע פראיעקט צום ריאליטעט."

אלע 385 דירות וועלן זיין עפארדעבל פאר הויזגעזונדן וואס פארדינען צווישן 30 און 80 פראצענט פון די עריע מידיען אינקאם. אין צוגאב, וועלן 94 דירות זיין ספעציעל געווידעמעט פאר הויזגעזונדן וואס זענען בארעכטיגט פאר סופארט סערוויסעס אויפ'ן ארט, אריינגערעכט די וואס מוטשענען זיך מיט היימלאזיקייט. סערוויסעס וועלן אריינרעכענען קעיס מענעדשמענט, לעגאלע סערוויסעס, נוטרישענעל שטיצע, און סאושעל סערוויסעס.

איניוואטיוו אורבען ווילעדש וועט פארמאגן פולקאם עלעקטרישע הייצונג און קילונג, סאולער פענעלס, גרינע דעכער מיט פלאנצונגען וואס ווערן נישט געשעדיגט פון טרוקעניש צו פארמינערן די באניץ פון הייצונג און וואסער, עלעקטרישע וויהיקעל טשארדשינג סטאנציעס, נודריגע-פלוס פיקסטשערס, LED לעקטער, און ENERGY STAR עפלייענסעס.

די פראיעקט איז טייל פון א פילע-פאזע פראגראם איבערצובויען די Christian Cultural Center's קאמפוס. די איבער-דעוועלאפמענט איז א געמיינזאמע פראיעקט צווישן די Christian Cultural Center, The Gotham Organization, און Monadnock Development. עס איז אויסגעפלאנט געווארן דורך Practice for Architecture and Urbanism און SLCE Architects. די אורבען פארשונג איסטיטוט (Urban Resource Institute) וועט צושטעלן סופארט סערוויסעס אויפ'ן ארט.

די פילע-פאזע פראגראם וועט ביים ענדע אריינרעכענען א סך הכל פון כמעט 2,000 עפארדעבל דירות אין 10 בנינים. עס וועט אויך פארמאגן קאמיוניטי פלעצער מיט טשיילד קעיר, סערוויסעס פאר די עלטערער באפעלקערונג, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, און א נייע פערפארמינג ארטס צענטער. נייע געסער ווערן צוגעלייגט צו די עקזיסטירנדע געגנט שאסיי גריד צו מאקסימיזירן די מעגליכקייט צו גיין צופיס דורך פארבינדעטע פיס-גייער רוטס און דריי עיקערס פון אפענע שטחים וואס זענען אפען פאר'ן פובליק.

די סיטי פון ניו יארק האט באשטעטיגט די רי-זאונינג פון די פראיעקט שטח צו אקאמעדירן די איבער-דעוועלאפמענט.

איניוואטיוו אורבען ווילעדש ווערט געשטיצט דורך HCR's נידריגע-איינקונפט האויזינג שטייער קרעדיט (Low Income Housing Tax Credit) פראגראם וואס איז ערווארטעט אויפצוטרייבן מער ווי 115 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 47 מיליאן דאלאר פון איר האויזינג פינאנץ אגענטור ( Housing Finance Agency). נאך שטיצע נעמט אריין 47 מילין דאלאר פון די ניו יארק סיטי אפטיילונג פון האויזינג פרעזערווירונג און אנטוויקלונג's (Department of Housing Preservation and Development) גאר-נידריגע און נידריגע איינקונפט עפארדעביליטי פראגראם ( Extremely Low- and Low-Income Affordability Program). די פראיעקט ווערט אויך געשטיצט דורך די Urban Investment Group at Goldman Sachs Alternatives.

די שטח טוט זיך באטייליגן אין די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג's (Department of Environmental Conservation) סוקסעספולע בראונפילד אויפרוימען פראגראם (Brownfield Cleanup Program), און וועט זיין בארעכטיגט פאר 28 מיליאן דאלאר אין שטייער קרעדיטס געשאנקען דורך די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון שטייער און פינאנץ ( Department of Taxation and Finance) ווען עס ווערט פארענדיגט. פינאנצירונג פאר די אנגעייענדע אויפהאלטונג פון די סופארטיוו דירות וועט ווערן צוגעשטעלט דורך די עמפייער סטעיט סופארטיוו האויזינג איניציאטיוו

(Empire State Supportive Housing Initiative), פארטיײלט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance).

די היינטיגע מעלדונג טוט אויך בויען אויף גאווערנאר Hochul'ס (האקול) און מעיאר Adam'ס (עדעמס) “City of Yes” ('סיטי פון יא') פלאן צו צו שאפן טויזנטער נייע היימען לענגאויס דעם סיטי און אנטוויקלען מער פאמיליע-פריינטליכע געגנטער פון קאוני אײלענד ביז אינוואד.

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוט-ענן ווינאסקעס) האט געזאגט,** "מיר זענען צופרידן צו זיין א חלק פון די האליסטישע טראנספארמירונג וואס קומט פאר אין איסט ניו יארק, און מיר גלייבן אז אונזער 162 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין איניוואטיוו ארבען ווילעדש וועט בענעפיטירן דעם געגנט און 385 הויזגעזונדן פאר פיל קומענדיגע יארן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul און די סיטי פון ניו יארק, Christian Cultural Center, Gotham Organization, Monadnock, און אלע אונזערע מיטארבעטער פאר זייער וויזיע און איבערגעגעבנקייט צו ערמעגליכן דעם פראיעקט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישענער Barbara C. Guinn (בארבערע סי. גין) האט געזאגט,** "די פערמענאנטע סופארטיוו האויזינג וואס וועט געבויעט ווערן ביי איניוואטיוו ארבען ווילעדש וועט צושטעלן א פלאץ צו רופן 'היים' פאר מענטשן און פאמיליעס וואס האבן געליטן פון היימלאזיקייט, צוזאמען מיט צוטריט אויפ'ן ארט צו וויכטיגע סופארט סערוויסעס וואס וועט זיי העלפן בלייבן אין א היים סטאבילערהייט פאר פיל קומענדיגע יארן. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע אונזערע סטעיט און לאקאלע מיטארבעטער אויף די וויכטיגע פראיעקט, און צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען אויסצובררייטערן די סופליי פון עפארדעבל און סופארטיוו האויזינג לענגאויס ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג קאמישענער Amanda Lefton (עמענדע לעפטאן) האט געזאגט,** "איפרוימען ענווייראמענטאלע פארפעסטיגונג אין קאמיוניטיס ווי ברוקלין טוט אויפעפענען אינוועסטירונגען אין קריטישע געברויכן ווי עפארדעבל האויזינג , טרענזישענעל האויזינג סערוויסעס, און קאמיוניטי פלעצער. ניו יארק סטעיט'ס בראונפילד איפרוימען פראגראם איז א וויכטיגע מיטל וואס שטיצט קאמיוניטי אויפלעבונג לענגאויס דעם סטעיט, און די איניוואטיוו ארבען ווילעדש פראיעקט אין איסט ניו יארק איז אן אויסגעצייכנטע ביישפיל פון וויאזוי די סוקסעספולע איפרוימען פראגראם העלפט פאראויסרוקן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) אנגייענדע באמיאונגען צו פארמערן עפארדעבל, סוסטעינעבל האויזינג איבער'ן סטעיט און אין די זעלבע צייט אויך באשיצן פובליק זיכערהייט און די ענווייראנמענט."

**ניו יארק סיטי אפטיילונג פון האויזינג פרעזערווירונג און אנטוויקלונג עקטינג קאמישענער Ahmed Tigani (אחמעד טיגאני) האט געזאגט,** "פראיעקטן ווי איניוואטיוו ארבען ווילעדש רעפרעזענטירן מער ווי בלויז די אויפבוי פון האויזינג — זיי בלאזן אריין פרישע לעבן אין א צוזאג געגעבן צו די מענטשן פון ברוקלין און צו אונזער סיטי: אז דעוועלאפמענט קען קומען פון א פלאץ פון גלייכבארעכטיגקייט, ווערן געפארעמט דורך קאמיוניטי, און ווערן אנגעפירט מיט קעיר. פאזע A-1 איז בלויז איין שטיקל פון א גרעסערער וויזיע וואס איז נעמט אריין פילע געבײדעס פאר פארשידענע צוועקן מיט קאמיוניטי באקוועמליכקייטן און כמעט 2,000 היימען, ארייגערעכנט סופארטיוו האויזינג פאר ניו יארקער וואס מאכן דעם טויש ארויס פון היימלאזיקייט."

**ניו יארק סיטי אפטיילונג פון סיטי פלאנירונג (Department of City Planning) דירעקטאר Dan Garodnick (דען גערעדניק) האט געזאגט,** "איניוואטיוו ארבען ווילעדש איז א געוואלדיגע ביישפיל פון וויאזוי קליגע פלאנירונג קען שטיצן פאמילעס אין יעדער שטאפל פון לעבן. צושטעלן איינקונפט-

באגרעניצטע עפארדעבל האויזינג צוזאמען מיט טשיילד קעיר, סערוויסעס פאר די עלטערער באפעלקערונג, געסער וואס זענען פריינטליך פאר פיס-גייער, אפענע שטחים, און נאך, וועט די צוקנפיגע דיאמאנט פון איסט ניו יארק דינען אלס אביישפיל פאר בליענדע געגנטער לענגאויס דעם סיטי."

**ניו יארק סיטי האויזינג אנטוויקלונג קארפערעציע ( New York City Housing Development Corporation) פרעזידענט Eric Enderlin (עריק ענדערלין) האט געזאגט,** "HDC איז שטאלץ צו שטיצען די דינאמישע, פיל-פאזע פראיעקט וואס וועט צושטעלן שטארק-געגויטיגטע עפארדעבל האויזינג פאר נידריגע-איינקונפט און געוועזענער היימלאזע ניו יארקער. אין צוגאב צו שפאגל-נייע עפארדעבל היימען, וועט איניוואטיוו ארבען ווילעדש צושטעלן קאמערציאלע און קאמיוניטי פאסיליטי פלאץ וואס וועט בענעפיטירן די אלגעמיינע איסט ניט יארק געגנט פאר פיל קומעדיגע יארן. א מזל טוב פאר אלע אונזערע מיטארבעטער פאר'ן אנקומען צו די לעצטיגע דערגרייכונג."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען דשיליברענד) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער צו האבן צוטריט צו עפארדעבל, פארזיכערטע, און מאדערנע האויזינג. די דעוועלאפמענט וועט העלפן אויפלעבן Christian Cultural Center'ס קאמפוס, צושטעלנדיג קריטישע שטיצע סערוויסעס פאר אונזערע שוואכסטע באפעלקערונג, און ברענגען נאך א שטארק-אויסגעפעלטע גראסערי געשעפט קיין איסט ניו יארק. איך קוק ארויס צו זעהן די פאזיטיווע השפעה וואס די פראיעקט וועט האבן, און וועל האלטן אין איין קעמפן פאר פעדעראלע פינאנצירונג אויסצובערייטערן עפארדעבל האויזינג אין אונזער סטעיט און איבער'ן לאנד."

**האויס דעמאקראטישע פירער Hakeem Jeffries (האקים דשעפעריס) האט געזאגט,** "דא אין אמעריקע, ווען איר ארבעט שווער און פאלגט אויס די געזעצן, קומט אז איר זאלט זיך קענען ערלויבן צו לעבן א געשמאקע לעבן. ביים צענטער פון אזא לעבן איז א פארזיכערטע, עפארדעבל פלאץ וואו צו וואוינען, אבער פאר אסאך צופיל ניו יארקער, איז אזא ריאליטעט גאר ווייט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול), פעסטאר AR Bernard (א. ר. בערנהארד) און זייערע דעוועלאפמענט שותפים פאר'ן אנהויבן די ארבעט אויף די איניוואטיוו ארבען ווילעדש אין די Christian Cultural Center'ס קאמפוס, וואס וועט צושטעלן פארזיכערטע, סוסטעינעבל און עפארדעבל האויזינג פאר הונדערטע ברוקלינער פאמיליעס וועם איך האב די זכי'ה צו פארטרעטן."

**סטעיט סענאטאר Roxanne J. Persaud (ראקסען דשעי. פערסאד) האט געזאגט,** "די צווייטע בוי פאזע פון די איניוואטיוו ארבען ווילעדש איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו צושטעלן מער ווי פיר הונדערט עפארדעבל היימען אין איסט ניו יארק. די פראיעקט טוט נישט בלויז העלפן אדרעסירן מאנגלען אין האויזינג, נאר טוט אויך שטיצן גלייכבארעכטיגטע און סוסטעינעבל וואוינונג פאר אונזער קאמיוניטי פאר קומענדיגע דורות. איך בין צופרידן פאר די צוקונפט פון אונזער קאומיוניטי."

**ברוקלין בארא פרעזידענט Antonio Reynoso (ענטאוניאו רעינאסאו) האט געזאגט,** "ווען מיר בויען עפארדעבל האויזינג צוזאמען מיט וויכטיגע ריסאורסעס ווי צוטריט צו פרישע עסן, טוען מיר אינוועסטירן אין געזונט, זעלבסט-רעספעקט, און געלעגנהייט. איך טוה אפלאדירן גאווערנאר Hochul (האקול) און NYS היימען און קאמיוניטי באנייאונג פאר'ן מאכן די וויזיע פאר א ריאליטעט אין איסט ניו יארק, און פאר'ן אוועקשטעלן א מאכטפולע ביישפיל פון וויאזוי עפארדעבל האויזינג קוקט אויס ווען עס איז קומט פון א פלאץ פון קאמיוניטי און גלייכבארעכטיגונג."

**ניו יארק סיטי קאנסיל מיטגליד Farah N. Louis (פארא נ. לואיס) האט געזאגט,** "זייט אריינקומען אין אפיס, האב איך געקעמפט צו פארזיכערן אז אונזער סטעיט וועט מאכן א באדייטפולע שותפות מיט אונזער קלערגי צו ברענגען די שטארק-געגויטיגטע עפארדעבל האויזינג קאפיטאל צו צענטראלע ברוקלין. איך האב נאנט מיטגעארבעט מיט Reverend A.R. Bernard (רעווערענד א. ר. בערנהאד) צו שתדל'ן

פאר די וויזיע, און איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul (האקול) און איר אדמיניסטראציע פאר'ן שטופן די טראנספארמירנדע פראיעקט איבער דעם ענדע-ליניע צו דערהייבן די איסט ניו יארק קאמיוניטי. איך גלייב אז די פראיעקט וועט צושטעלן געלעגנהייטן פאר די קומענדיגע דור, און איך קוק ארויס צו זעהן ווי די פראיעקט פון ווייט-קוקנדע פירערשאפט, קאמיוניטי מיטארבעט, און געמיינזאמע ווירדן שאפט לאנג-אנהאלטנדע טוישונגען פאר ברוקלין און פאר אונזער סיטי."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד Chris Banks (קריס בענקס) האט געזאגט,** "די איניוואטיוו אורבען ווילעדש איבער-דעוועלאפמענט פראיעקט אויף די Christian Cultural Center קאמפוס איז גרייט צו זיין א טראנספארמירנדע אינוועסטירונג אין די 42'סטע קאונסיל דיסטריקט. איך בין שטאלץ מיטצוארבעטן אויף א פראיעקט וואס טוט צושטעלן ריכטיג עפארדעבל האויזינג. דאס איז וויאזוי מיר טוען בויען און אויפהאלטן געגנטער פאר לאנגע דורות, און די וועג וויאזוי מיר הייבן אן צו בויען שווארצע און ברוינע רייכטום פאר דורות אין עכטע, פאקטישע וועגן."

**Christian Cultural Center סיניאר פעסטאר Rev A. R. Bernard (רעווערענד א. ר. בערנהארד) האט געזאגט,** "עס איז מוראַ'דיג צו שטיין צוזאמען מיט יעדער איינער פון אונזערע מיטארבעטער, ערוועלטע באאמטע און קאמיוניטי מיטגלידער וועלכע האבן געארבעט צוזאמען צו מאכן איניוואטיוו אורבען ווילעדש פאר א רעאליטעט. מיר זענען זיכער אז די אויסשפרייטנדע השפעה פון די דינאמישע, געמישטע-איינקונפט קאמיוניטי וועט געשפירט ווערן פיל ווייטער ווי איסט ניו יארק, שטעלנדיג א ביישפיל פאר גאנץ ניו יארק נאכצופאלגן."

**Gotham Organization CEO David L. Picket (דעיוויד ל. פיקעט) האט געזאגט,** "די היינטיגע אנהויב פון די בוי ארבעט איז א היסטארישע מאמענט פאר Gotham און פאר די סיטי וואס מיין פאמיליע רופט שוין אונזער היים פאר איבער הונדערט יאר. איניוואטיוו אורבען ווילעדש טוט רעפלעקטירן אונזער עיקר ווירדן אלס א פירמע — צושטעלנדיג הויכע-קוואליטעט האויזינג וואס קומט נאך די געברויכן פון אמת'ע ניו יארקער בשעת'ן פארשטערקערן די עצם מהות פון אונזערע געגנטער. IUV איז די רעזולטאט פון וויזיע, צוזאמענארבעט, און עקשנות, און מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים דאס צו פארווירקליכן. עס איז א מאכטפולע ביישפיל פון וואס קען געשעהן ווען די פובליק און פריוואטע סעקטארן קומען זיך צאם מיט א ציל."

**Gotham Organization פרעזידענט פון דעוועלאפמענט Bryan Kelly (ברייען קעלי) האט געזאגט,** "די מאמענט איז די רעזולטאט פון יארן פון איבערגעגעבענע צוזאמענארבעט מיט אונזערע שותפים, קאמיוניטי פירער, און סיטי אגענטורן. מיר בויען א קאמיוניטי וואס טוט פריאריטיזירן עפארדעבילעטי, סוסטעינעבילעטי, און געלעגנהייט פאר יעדער. ביי אונז אין Gotham, טוען מיר שטארק גלייבן אין די כח פון פארזיכטיג-פלאנירטע דעוועלאפמענט צו אויפהייבן קאמיוניטיס, און צוזאמען מיט אונזערע מיטארבעטער און לאקאלע סטעיק-האלטער, האבן מיר אויסגעפלאנט איניוואטיוו אורבען ווילעדש אוועקצושטעלן א נייע סטאנדארט פאר צוקונפטיגע האויזינג דעוועלאפמענטס. דאס איז א באדייטפולע שריט אינעם ריכטונג פון א מער ברייט-אריינעמנדע און גלייכבארעכטיגטע ניו יארק סיטי."

**Monadnock Development פרעזידענט Kirk Goodrich (קערק גודריטש) האט געזאגט,** "איניוואטיוו אורבען ווילעדש איז די רעזולטאט פון דעם וואס פעסטאר Bernard (בערנהארד), Gotham און Monadnock האבן באשלאסן צו זעהן מענטשן אין נויט אנשטאטס בלויז האויזינג יוניטיס. אונזער געמיינזאמע ציל איז צו טראנספארמירן לעבנס און קאמיוניטיס. איך בין שטאלץ פון וואס מיר טוען, און קוק ארויס צו זעהן די השפעה וואס די פארענדיגטע וויזיע וועט האבן."

**אורבען ריסאורס אינסטיטוט (Urban Resource Institute) CEO Nathaniel Fields (נעטעניעל פילדס) האט געזאגט,** "פאר איבער 40 יאר, איז די אורבען ריסאורס אינסטיטוט — די לאנד'ס גרעסטע

פראווײדער פון שעלטער און סופּאָרט סערוויסעס — געוועהן די פירער אין טראומע-באזירטע קעיר פאר איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדטאטן און פאר די וואס מוטשענען זיך מיט האויזינג אומפארזיכערטקייט. ביי די איניוואטיוו אורבען ווילעדש, טוען מיר נישט בלויז צושטעלן האויזינג — מיר טוען צושטעלן די פולע מאס פון ארומנעמנדע סערוויסעס צו העלפן די איינוואוינער זיך ערהוילן און זיך צוריק אויפבויען. פון זיכערהייט פלאנירונג און לעגאלע שתדלנות ביז ארויסהעלפן עקאנאמיש, טוען מיר זיך טרעפן מיט איבערלעבער וואו זיי זענען און גייען מיט מיט זיי אינעם ריכטונג פון אנהאלטנדע סטאביליטעט. די פראיעקט איז א שטארקע שריט אינעם ריכטונג פון URI'ס מיסיע צו ברענגען אן ענדע צו די קייט פון געוואלדטאטן, היימלאזיקייט, און ארעמקייט — און שאפן א צוקונפט וואו איבערלעבער טוען עס נישט בלויז דורכמאכן, נאר בליען."

**Vishaan גרינדער און שעפערישע דירעקטאר Practice for Architecture and Urbanism Chakrabarti (ווישאן טשאקרעבארטי) האט געזאגט,** "נעמנדיג איבער צעהן יאר צו פלאנירן, איז די פראיעקט געווען אן אמת'ע ארבעט פון איבערגעגעבנקייט. עס איז אלס וועגן נעמען א שוואך-באניצטע אורבען ארט און שאפן אברייט-ארייננעמנדע קאמיוניטי וואס שטעלט צו זעלבסט-רעספּעקט, סטאביליטעט, און א היימליכע געפיל פאר ניו יארקער פון א ברייטע אויסוואהל פון איינקופטן. זעהנדיג וואו עס ווערט פארווירקליכט מיינט גאר אסאך."

**Goldman Sachs Alternatives Urban Investment Group טשעיר Asahi Pompey (אסאהי פאמפעי) האט געזאגט,** "Goldman Sachs קוקט אן איניוואטיוו אורבען ווילעדש אלס מער ווי בלויז שטיינער און צעמענט. אונזער אינוועסטירונג איז א דאון-פעימענט אויף איסט ניו יארק'ס צוקונפטיגע מעגליכקייטן, שאפנדיג טויזנטע הויכע-קוואליטעט, עפארדבל היימען און וויכטיגע סערוויסעס וואס וועט טרייבן די עקאנאמישע לעבהאפט פון די קאמיוניטי."

**J.P. Morgan קאמיוניטי דעוועלאפמענט בענקינג עקזעקיוטיוו דירעקטאר Jane Silverman (דשעין סילווערמען) האט געזאגט,** "מיר זעהן עס אלס א כבוד צו זיין א חלק פון די איניוואטיוו אורבען ווילעדש פאזע B1 פראיעקט, א טראנספארמירנדע דעוועלאפמענט וואס טוט סימבאליזירן די גייסט פון קאמיוניטי און צוזאמענארבעט. די פראיעקט איז עדות פון וואס קען דערגרייכט ווערן ווען די פובליק און פריוואטע סעקטארן שטעלן זיך צאם. ביי אונז אין J.P. Morgan, טוט אונזער פארפליכטונג צו ברוקלין און אירע איינוואוינער לויפן גאר טיף, און מיר זענען שטאלץ צו שטיצן די אויפבוי פון עפארדעבל האויזינג וואס וועט דינען אלס די פונדאמענט פאר א בליענדע קאמיוניטי אין איסט ניו יארק."

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער עפארדעבל און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפּסטעיט קאמיוניטיס, אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. ארויפבויענדיג אויף די פארפליכטונג, רעכנט די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 אריין מער פון 1.5 ביליאן דאלאר אין נייע סטעיט פינאנצירונג פאר האוזינג, א פראבע פראגראם פון 'האוזינג צוטריט וואַוטשערס' (Housing Access Vouchers) און נייע פאליסיס צו פארמערן אפארדעבילעטי פאר טענאנטס און מענטשן וואס קויפן א היים. די מאסנאמען ערגענצן די גאווערנער'ס פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן, וואס איז אריינגערעכנט געווארן אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, אריינרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 60,000 היימען זענען שוין ביז היינט געבויעט אדער באשיצט געווארן.

די דורכגעפירטע בודזשעטס פאר פיסקאלע יאר 2025 און 2026 האבן אויך פארשטערקערט די גאווערנער'ס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי (Pro-Housing Community) פראגראם — וואס ערלויבט פאר סערטיפייד לאקאליטעטן צו באקומען אויסשליסליכע צוטריט צו ביז אזויפיל ווי 750 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וואס די סטעיט רעגירונג פארטיילט לויט איר שיקול הדעת. ווי מען האלט יעצט, האבן מער ווי 300 קאמיוניטיס באקומען פראו-האויזינג באשטעטיגונג, אריינגערעכנט די סיטי פון ניו יארק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן